# פרשת במדבר כ"ח אייר – ה' סיון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת במדבר***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלמה שטעסל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ראזלא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק אל עבר בית **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**, והשתתף אצל אסיפה של רבנים וראשי ישיבות בענין הכינוס רבתי לבחורי הישיבות בניו יארק בעניני טעכנאלאגיע, שתתקיים בשבועות הקרובים אי"ה.

האסיפה הזאת התקיימה בהמשך להאסיפה הראשונה שהתקיימה ביום ל"ג בעומר העעל"ט, **רבינו שליט"א** ישב עם הרבנים וראשי הישיבות למעלה משעתיים לדון בכל פרטי וצדדי הענין, כדי שיצאו הדברים לתועלת הנרצה, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף כ'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**דוד** המלך זאגט (תהלים סב-יב), אחת דבר אלקים, שתים זו שמעתי, כי עוז לאלקים. אחת דבר אלקים, איינס האט דער אייבערשטער גערעדט, שתים זו שמעתי, צוויי האב איך געהערט, כי עוז לאלקים, ווייל עס איז דא שטארקייט צום אייבערשטען. עס קען אפשר זיין פשט אין פסוק. די מצוה פון שמיטה הייבט זיך אן, וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר. און רש"י שטעלט זיך, אז די גאנצע תורה האט מען דאך געגעבן אויפן בארג סיני, פארוואס האט די תורה געשריבן דא ביי די פרשה פון שמיטה, אז עס איז געזאגט געווארן בהר סיני. זאגט רש"י, כדי מקיש צו זיין די גאנצע תורה צו שמיטה. אזוי ווי שמיטה איז געגעבן געווארן כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה מסיני, אזוי איז כל התורה כולה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פ' בהר ד"ה מה) פרעגט, הא גופא קשיא. פארוואס האט דאס די תורה מגלה געווען דווקא ביי די מצוה פון שמיטה, און פון דא זאל מען אראפלערנען אז די גאנצע תורה איז אזוי ווי שמיטה. די תורה האט דאך דאס געקענט שרייבען ביי א אנדערע מצוה. זאגט דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, מיר גלייבען דאך אז כל התורה המצויה בידינו, היא הנתונה למשה רבינו ע"ה. די תורה וואס מיר האבן, איז אלעס געגעבען געווארן צו משה רבינו, און משה רבינו האט נישט צוגעגעבן צו די תורה א קוצו של יו"ד. וואס ער האט געהערט פונעם אייבערשטען, דאס האט ער אונז איבערגעגעבן. פון די מצוה פון שמיטה קען מען זיך איבערצייגען, אז דאס האט משה רבינו באקומען פונעם רבונו של עולם אליין, און עס איז נישט שייך אז א בשר ודם זאל האבען עפעס געריט אין די מצוה. פארוואס, ווייל די פסוק (ויקרא כה-כ) זאגט, וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע, ולא נאסוף את תבואתנו. זאגט דער אייבערשטער, וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, ועשת את התבואה לשלש השנים, עס וועט וואקסען אויף אויף די יאר פון שמיטה. די הבטחה, אז אלע יארן וועט וואקסען וויפיל מען דארף פאר איין יאר, און ווען מען וועט האלטן שמיטה, וועט דער אייבערשטער געבן, אז עס וועט וואקסען אויך פאר די זעקסטע יאר, דאס קען א בשר ודם נישט צוזאגען. עס איז נאר שייך, אז דער רבונו של עולם זאל עס זאגען.

**און** די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, איז נאר ווען מען איז מקיים די מצוה פון שמיטה מיט אלע פרטי המצוה וואס מען האט מצווה געווען. אויב מען טוישט איין הלכה פון די פרטי המצוה, פארלירט מען די ברכה פון וצויתי את ברכתי. דער אייבערשטער האט געגעבן די ברכה, נאר אויב מען וועט האלטען שמיטה אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט. קומט אויס, אז ביי די מצוה פון שמיטה, קען זיך קיינער נישט דינגען אז אפשר האט משה רבינו עפעס צוגעגעבן צו די מצוה. עס מוז זיין, אז די גאנצע מצוה, די כללים מיט די פרטים, איז אלעס געגעבן געווארן פונעם אייבערשטען.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, אז דא זאל מען שרייבען וידבר ה' אל משה 'בהר סיני' לאמר. ווייל אזוי ווי ביי די מצוה פון שמיטה, איז דאך יעדער מודה, אז כללותיה ופרטותיה נאמרו מסיני, ווייל עס איז נישט שייך אז א בשר ודם זאל קענען געבן אזא הבטחה. זאלסטו זיך פון דעם אראפלערנען אז די זעלבע איז כל התורה כולה, אפילו ווי עס איז נישט ארויסגעשריבן, איז אלעס געגעבן געווארן פונעם אייבערשטען, סיי די כללים פון די מצוה, און סיי די פרטים פון די מצוה.

**קומט** אויס, אז די מצוה פון שמיטה איז א ראיה אז די תורה איז פונעם אייבערשטען. זאגט דוד המלך, אחת דבר אלקים, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער האט געזאגט, אז די ערד זאל ארויסגעבען איין מאס תבואה. וויפיל די ערד קען ארויסגעבען אין איין יאר, אזויפיל זאל עס ארויסגעבן. ווען עס קומט די מצוה פון שמיטה, איז שתים זו שמעתי, הערט איך אז מען קען באקומען צוויי מאל אזויפיל. אז די תבואה וועט וואקסען, נישט נאר פאר דעם יאר, נאר עס וועט אויך וואקסען פארן קומענדיגען יאר. די מצוה פון שמיטה איז מרומז אין די ווארט 'זו', ז' איז די זיבעטע יאר, די יאר פון שמיטה, און ו' איז די שנה השישית. כאטש בדרך כלל איז 'אחת דבר אלקים', די פעלד קען ארויסגעבן נאר אויף איין יאר, אבער 'שתים ז"ו שמעתי', ווען עס קומט די יארן פון שמיטה, די ז' מיט די ו', זאגט דער אייבערשטער אז ז' זאלסטו נישט איינפלאנצן, נאר ו' זאלסטו איינפלאנצן, און דו וועסט האבען אויף ו' און אויף ז'. און פון דעם איז א ראיה, 'כי עוז', אז די תורה הק' וואס ווערט אנגערופן עוז, ה' עוז לעמו יתן (תהלים כט-יב), דאס איז 'לאלקים', פונעם אייבערשטען. אויב דו ווילסט האבען א ראיה אז די תורה איז נצחיות, און עס איז נישט געגעבן געווארן פון משה רבינו אליין, נאר עס איז 'לאלקים', קוק אויף די מצוה פון שמיטה, וועסטו זעהן בחוש, אז עס איז פונעם אייבערשטען, און נישט פון משה רבינו.

*

***יום שני פרשת במדבר – ערב ר"ח סיון***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים יהודא פריעד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט אין פסוק (שמות יט-ה) פאר מתן תורה, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ. עס שטייט אין מכילתא, אז ושמרתם את 'בריתי', גייט ארויף אויף ברית מילה. איר זאלט אפהיטן די מצוה פון ברית מילה. און דער **בעל הטורים** גיט צו, אז די ווערטער והיית'ם ל'י סגול'ה מכ'ל העמי'ם איז די סופי תיבות מיל"ה. דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט צו מתן תורה, די ענין פון מצות מילה, אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, און והייתם לי סגולה מכל העמים.

**עס** שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים), אז עס איז געווען א גר וואס איז זיך געגאנגען מגייר זיין, און דער קיסר האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט זיך מגייר געווען. האט ער געזאגט, אז ער האט געוואלט לערנען די יודישע חכמה, די תורה. האט אים דער קיסר געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, ווייל אויב מען מל'ט זיך נישט, קען מען נישט פארשטיין תורה. מען זעהט אז יודישע קליינע קינדער קענען לערנען, און פאר א גוי קען נישט אריינגיין די גמרא תוספות אין קאפ, אפילו ער זאל זיין א חכם. תורה איז א קדושה וואס איז נאר שייך ביי יודישע קינדער וואס מל'ן זיך. ווען דער אייבערשטער וויל געבן די תורה, זאגט דער אייבערשטער, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ווי אזוי קענט איר מקבל זיין אזא טיפע און גרויסע תורה, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים, אז איר וועט אפהיטן די מצוה פון ברית מילה, וועט איר קענען משיג זיין די תורה.

**קען** זיין, דער **בני יששכר** (סיון ה-כג) ברענגט צו פונעם **חיד"א** (**כסא דוד** דרוש ד'), אז די מלאכים האבען געטענה'עט תנה הודך על השמים (תהלים ח-ב), מען זאל געבן די תורה פאר די מלאכים (שבת פח:). און זייער טענה איז געווען, אלץ די הלכה פון בר מיצרא. ווען איינער וויל פארקויפן א קרקע, דארף ער עס פארקויפן פארן שכן, און נישט געבן פאר א

פרעמדן. און אזוי ווי די מלאכים זענען גרייט מקבל צו זיין די תורה, און זיי זענען אויבן אין הימל צוזאמען מיטן אייבערשטען, און די תורה איז אויך געווען אין הימל, האבען זיי געזאגט, אז על פי דין תורה קומט זיך פאר זיי א דין קדימה, פאר די יודען.

**עס** איז אבער דא א הלכה, אז טאמער מען וויל עס פארקויפן פאר א זון, קומט דער זון קודם, אפילו דער זון וואוינט נישט דארט. די גאנצע הלכה פון בר מיצרא איז נאר וועגען ועשית הישר והטוב (דברים ו-יח), און אלץ ועשית הישר והטוב איז ענדערש עס אוועקצוגעבן פאר א קינד, ווי צו געבן פאר א פרעמדן (**שיטה מקובצת** ב"מ קח.). און אזוי ווי יודען זענען בנים למקום, איז אפילו עס איז דא דינא דבר מיצרא, פון דעסטוועגן דאך קומט זיך עס קודם פאר די יודען.

**ווי** זעהט מען אז יודען זענען בנים למקום, פון די מצוה פון מילה. ווייל ביי די מצוה פון מילה האט דער אייבערשטער חותם געווען א ברית אין יעדן יוד. אזוי ווי א בן מלך האט א צייכען פונעם מלך, אז מען זאל דערקענען אז ער איז דער בן המלך, אזוי זענען יודישע קינדער בני מלכים, קינדער פונעם אייבערשטען, און דער באשעפער האט אונז חותם געווען מיט א סימן, אז עס זאל שטענדיג זיין ניכר, אז מיר זענען בנים פונעם אייבערשטען. ווייזט דאך די מצוה פון מילה אז מיר זענען בנים פונעם אייבערשטען, און אז מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטען, קומט זיך פאר אונז די תורה. ווייל א זון קומט פאר א פרעמדן, אפילו ער איז א בר מיצרא.

**זאגט** די פסוק, 'ועתה אם שמוע תשמעו בקולי', וועסט פרעגן ווי אזוי קענען מיר מקבל זיין די תורה, די מלאכים האבען דאך דינא דבר מיצרא, אבער 'ושמרתם את בריתי', און ברית מילה ווייזט דאך אז מיר זענען בנים למקום, און אז מיר זענען בנים למקום, איז נישט דא קיין דינא דבר מיצרא.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בנוו דזשערסי, לקראת היומא דהילולא שחל ביום שבת קודש ערב שבועות. **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת ש"ב הרב **עוזר פריעד** שליט"א (חתן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג שליט"א), עב"ג בן הרב **חיים אריה כהנא** שליט"א (חתן הגה"צ רבי **יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א** דומ"ץ דקהל יטב לב, וומסב"ג), שהתקיים באולם הילמאן פלאזא.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הסיום הש"ס של הר"ר **ישכר וויינבערגער** הי"ו (בן הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו, ב"פ) שהתקיים באולם עדת טעראס.

*

***יום שלישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הרב **משה יצחק כהנא** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש סקולען. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **הערש אלימלך שפארן** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טעראס. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** זאגט יום טוב שבועות ביים דאווענען, ותתן לנו ה' אלקינו מועדים לשמחה וגו' זמן מתן תורתנו, עס איז די צייט וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אונזער תורה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון מתן 'תורתנו', דער אייבערשטער האט דאך אונז געגעבן 'זיין' תורה, תורת ה', ונתן לנו את 'תורתו', אז מיר זאלן האלטן זיין תורה. פארוואס זאגט מען אז עס איז זמן מתן תורתנו, דער זמן וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן 'אונזער' תורה.

**עס** קען זיין א כוונה, עס שטייט אין פסוק (תהלים א-א) כי אם בתורת ה' חפצו, ובתורתו יהגה יומם ולילה. און די גמרא (עבודה זרה יט.) שטעלט זיך, אז עס איז א סתירה, ער הייבט אן כי אם 'בתורת ה' חפצו, אז די תורה איז 'תורת ה'', און ער ענדיגט 'ובתורתו', און אין זיין תורה, יהגה יומם ולילה. זאגט די גמרא, עס איז ביידע אמת. בתחלה איז עס תורת ה', די תורה פונעם אייבערשטען, אבער נאכדעם וואס א מענטש לערנט, איז מען זוכה אז עס ווערט 'תורתו', זיין תורה, עס ווערט אנגערופן אויפן נאמען פון דעם וואס לערנט די תורה. - עס איז זמן מתן 'תורתנו', עס איז די צייט וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. און דער באשעפער האט אונז געגעבן, אז די תורה ווערט אנגערופן אויף אונזער נאמען, אז עס איז תורתנו. וואס מיינט, אז פאר מען לערנט, איז עס תורת ה', און נאכן לערנען, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי עס איז זיין תורה.

**עס איז דא אמאל וואס א מענטש לערנט תורה, אבער עס איז נישט מער ווי א חכמה. ער האט זיך אויסגעלערנט די חכמת התורה, ער ווייסט וואס די תורה זאגט אויף יעדע זאך, ווי אזוי מען דארף עס טון, און ווי אזוי מען דארף צו פסק'נען. ער פארשטייט די מצות פון תורה, ער פארשטייט די שכליות פון תורה, אבער עס איז נישט מחייב דעם מענטש, זיך צו טוישן פון וואס ער איז געווען. ער איז אזוי ווי מען נעמט א כלי, און מען לייגט אריין אין דעם די חכמה פון תורה, וואס די כלי מיט די תורה האבען נישט קיין שייכות איינס מיטן צווייטען. אזוי ווי א קאמפיוטער, וואס מען לייגט אריין דעריין די גאנצע תורה, אבער די כלי איז א טויטע כלי, און עס איז נישט משנה, צו עס האט יא תורה אין זיך, צו עס האט נישט קיין תורה אין זיך. די תורה פונעם אייבערשטען דארף אריינגיין אינעם הארץ פונעם מענטש, אז עס זאל טוישען דעם מענטש, אז דער מענטש זאל ווערן א תורה'דיגער יוד. דאס איז די חשיבות פון תורה.**

**ווילאנג** עס איז תורת ה', עס איז די תורה פונעם אייבערשטען, נאר ער לערנט די תורה פונעם רבונו של עולם, איז ער מיט די תורה צוויי זאכען. אזוי ווי מען נעמט א ספרים שאנק, און מען לייגט אריין דערין א גאנצע ש"ס, די שאנק בלייבט שאנק, און די ספרים בלייבען ספרים. א יוד וואס לערנט תורה, דארף צוקומען צו די מדריגה, אז ער זאל נתעצם ווערן, און ווערן איינס מיט די תורה הק', אז עס זאל זיין 'תורתו', עס זאל זיין זיין תורה. ובתורתו יהגה יומם ולילה, אז מען זיצט און מען לערנט יומם ולילה, דעמאלטס קומט מען צו צו די מדריגה, אז דער מענטש מיט די תורה ווערט איינס.

**וועגן** דעם זאגט מען שבועות, אז עס איז זמן מתן תורתנו. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורה, נישט אז עס איז תורת ה', און מיר לערנען די תורה פונעם באשעפער, נאר עס איז א זמן וואס מען קען מקבל זיין, אז עס זאל ווערן אונזער תורה, אז מיר זאלן קענען ווערן איינס מיט די תורה הק'.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **חיים אלעזר שפיץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **לייבוש לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת במדבר</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **הערש אלימלך שפארן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **בנימין טויבער** הי"ו (חתן הר"ר יצחק ווייס הי"ו, וומסב"ג) שהתקיים בבית המדרש ראחמיסטריווקא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה, אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לב"פ למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **משה עליאס** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלעזר מענצער** הי"ו (בן הר"ר **אשר יעקב מענצער** הי"ו) שהתקיים באולם ראוז גארדען.

*

***ערב שבת קודש פרשת במדבר***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שלום קליין** הי"ו (בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו) שהתקיים בבית המדרש קערעסטיר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**דער** רב זאל זיין געזונט [הרה"ג רבי ישעי' רובין שליט"א] האט נאכגעזאגט א ווארט פון שימלויא'ער רב, וואס דער **שימלויא'ער רב** ברענגט צו אין זיין ספר, און ער שרייבט אז ער האט עס געהערט פון **רבי שאול עהרענפעלד**, דער **סיקס'ער רב**, א ברודער פונעם **חתן סופר**. [נאך די חתונה האט דער **שימלויא'ער רב** געוואוינט אין די שטאט סיקס, און ער ברענגט צו אסאך דברי תורה וואס ער האט געהערט פונעם **סיקס'ער רב**], אז דער פסוק (תהלים סב-יב) זאגט, אחת דבר אלקים שתים זו שמעתי, אז אין יעדען דיבור פונעם אייבערשטען, איז נישט נאר דא א ציווי, נאר עס איז אויך דא דערין א כח, אז מען זאל עס קענען מקיים זיין.

**אברהם** אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה (יומא כח:), אויסער די מצוה פון מילה האט ער נישט מקיים געווען, ביז ער איז נצטוה געווארן זיך צו מל'ן. און די מפרשים פרעגן, אויב ער האט מקיים געווען כל התורה כולה, ווייל ער האט משיג געווען די גאנצע תורה, פארוואס האט ער אויך נישט מקיים געווען די מצוה פון מילה פון פריער. איינע פון די תירוצים איז, ווייל יעדע מצוה קען מען מקיים זיין מערערע מאל, אבער מצות מילה קען מען מקיים זיין נאר איין מאל אין לעבן. און אזוי ווי עס איז גדול המצווה ועושה, יותר ממי שאינו מצווה ועושה (קידושין לא.), אויב ער וואלט עס מקיים געווען איין מאל אלץ אינו מצווה, וואלט ער נישט געקענט מער האבען א געלעגענהייט עס מקיים צו זיין אלץ א מצווה ועושה, וועגן דעם האט ער געווארט ביז ער וועט ווערן א מצווה ועושה, און נאכדעם וואס ער איז געווארן מצווה, האט ער מקיים געווען די מצוה.

**אין** תוספות (שם) שטייט, פארוואס איז א מצווה ועושה חשוב'ער פון א אינו מצווה ועושה, ווייל דער יצר הרע איז שטערקער אויף א זאך וואס ער איז מצווה, ווי אויף א זאך וואס ער איז נישט מצווה. ווען א מענטש טוט א זאך וואס ער איז נישט מצווה, איז עס נישט מעלה ומוריד, האט ער עס יא געטון, האט ער עס נישט געטון, ער איז דאך נישט מצווה דערויף, אבער ווען ער איז מצווה איז דא א שטערקערער כח וואס טוט אים שטערן, אז ער זאל עס נישט טון, און אז ער איז זיך מתגבר איז עס חשובער מער פון א אינו מצווה ועושה.

**לויט** דעם וואס דער רב האט פריער געזאגט, קען מען זאגען נאך א טעם, פארוואס עס איז גדול המצווה ועושה, יותר ממי שאינו מצווה ועושה. ווייל יעדע מצווה, איז נישט נאר מצווה אויף די מצוה בעצם, נאר ער באקומט א כח, אז ער זאל אויך קענען מקיים זיין די מצוה. אינעם ציווי ליגט אויך א כח, אז ער זאל עס קענען אויספירן. אבער ווען ער טוט א מצוה וואס ער איז אינו מצווה, קען ער טאקע טון די מצוה יעצט, אבער ער באקומט נישט א כח אין די מצוה אז ער זאל עס קענען מקיים זיין שטענדיג. גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה, ווייל אויב ער איז מצווה, האט אים דער אייבערשטער געגעבן ביים ציווי א כח אז ער זאל עס קענען מקיים זיין.

**וועגן** דעם שטייט ביי נדב און אביהוא, אז זיי האבען אריינגעטראגען אש זרה אשר לא צוה

אותם (ויקרא י-א), און זיי זענען געשטארבען. ווייל אויב עס וואלט געווען א ציווי ה', וואלטען זיי געהאט א כח מן השמים, אז זיי זאלן עס קענען אויספירן ווי עס דארף צו זיין. אבער אז עס איז געווען לא צוה אותם, האבען זיי נישט געהאט די כח פון אויבן.

**מצות** מילה איז דאך נישט נאר די מצוה מל'ן דאס קינד, נאר עס איז אויך דא דערין די קדושת הברית וואס דארף באגלייטען דאס גאנצע לעבן. און צו דעם דארף מען דאך האבען אסאך כח, אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. אבער אז דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען די מצוה פון מילה, האט ער אויך געגעבן דעם כח אז מען זאל עס קענען מקיים זיין. אויב אברהם אבינו וואלט מקיים געווען די מצוה פון מילה, וואס ער קען נאר מקיים זיין איינמאל אין לעבן, אלץ אינו מצווה, וואלט ער קיינמאל נישט געהאט דעם כח, אז ער זאל קענען אנהאלטן די קדושה פון מילה אויף שפעטער. ווייל די ציווי דאס גיט דאך דעם כח אז מען זאל עס קענען אנהאלטן. און ווען מען איז א אינו מצווה, קען ער טאקע מקיים זיין די מצוה, ער וועט זיך מל'ן, אבער ער וועט נישט האבען נאכדעם די כח אויף שמירת הברית. וועגען דעם האט ער געוואורט אז ער זאל ווערן מצווה, און דאס וועט אים געבען די כח און די חיות, אז ער זאל קענען ווייטער אויך האבען די קדושה וואס איז פארבינדען מיט די מצוה פון מילה.

*

בשעות הצהרים נכנסו לחדר **רבינו שליט"א** תלמידי שיעור ג' בישיבה קטנה, לשיחת הכנה לקבלת התורה.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** האב געוואלט רעדן אפאר ווערטער וואס איז נוגע צו מתן תורה. מתן תורה האט געדארפט האבען א הכנה, מען האט זיך געדארפט צוגרייטען פון פריער. דער אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו זאגען פאר יודען, והיו נכונים ליום השלישי (שמות יט-יא), מען קען נישט אריינפאלן אין מתן תורה סתם אזוי. מען דארף זיין צוגעגרייט פון פריער. און אז מען גרייט זיך צו, איז די קבלת התורה אנדערש. - איך האב געוואלט ארויסברענגען א נקודה, וואס איך פיל אז עס איז נוגע פאר ענק. און פאר מתן תורה איז א זמן וואס יעדער איינער שטייט אביסל העכער, און ער איז מקבל אויף זיך א געוויסען עול, און א פרישע קבלה, און איך מיין אז עס וועט זיין א תועלת.

**מען** האט שוין געלערנט אין ישיבה קטנה כמעט דריי יאר, און מען האלט ביים אריינגיין אין ישיבה גדולה. **די יארן אלץ בחור איז די שענסטע יארן פונעם לעבן. מען טוט עס נישט גענוג שעצן ווילאנג מען איז א בחור, אבער שפעטער ווייסט מען, אז דאס איז די שענסטע יארן. און וואס מען האט זיך קונה געווען אין די יארן, מיט דעם בלייבט מען שטענדיג.** און וואס מען האט פארפאסט אין די יארן, איז עס א פסידא דלא הדר, מען קען עס נישט צוריקברענגען. מען קען לערנען פלייסיג שפעטער אויך, מען קען שטייגען שפעטער, אבער עס פעלט א געוויסע נקודה. עס איז די יונגע יארן, און מען האט נישט קיין שום עול, און מען קען זיצען אין בית המדרש און לערנען.

**מיר האבען דאס יאר געלערנט הלכות שבת, און איך האף אי"ה אז מען וועט דעם זמן ענדיגען א גאנצע כרך שולחן ערוך, פון סימן שכ"ו ביז שמ"ה. דער אייבערשטער וועט העלפען, און מען וועט ממשיך זיין, איך האב חשק צו ענדיגען גאנץ הלכות שבת. אז ווען א בחור וועט ארויסגיין פון ישיבה צו די חתונה, זאל ער קענען גאנץ הלכות שבת על בוריה. איך פראביר צו לערנען די הלכות, ביזן לעצטן אחרון. אלע שאלות וואס איז נוגע צו יעדן סימן, ווערט אויסגעשמועסט. און אז מען וועט אזוי אדורכלערנען הלכות שבת, קען מען זאגען אז מען קען הלכות שבת על בוריה. ווען מען גייט ארויס פון ישיבה, און מען קען הלכות שבת, האט מען א קנין, וואס בלייבט אויף אייביג.**

**עס** פארלאנגט אבער אסאך חזרה, מען פארגעסט, אבער אז מען האט עס גוט געלערנט, און מען חזר'ט עס איבער, בלייבט עס א קנין. **אז דער אייבערשטער וועט העלפען, און מען וועט זיך קענען שפעטער פארהערן גאנץ הלכות שבת, איז עס די שענסטע וואס א בחור קען וויזען.** איך גיי

נישט מגרע זיין די איבריגע לימודים, אדרבה מען דארף קענען אלע מסכתות וואס מען האט געלערנט אין ישיבה, מתחלתה ועד סופה, איך האב נאר אנגעכאפט יעצט די נקודה, ווייל דאס האלט מען אין אנהייב, איז עס מער נוגע.

**און** די חזרה דארף זיך אנהייבן יעצט, זיך נישט פארלאזען אז מען וועט חזר'ן שפעטער, און מען וועט עס שוין אמאל גומר זיין. נאר נעמען אויף זיך אן עול. איך לערן דאס יאר כמעט אלע סימנים פון שכ"ו ביז שמ"ה, און איך וויל עס קענען. מען זאל אדורכגיין און איבערחזר'ן מיטן חבר סעיף ביי סעיף, און זיך קענען פארהערן סוף זמן דעם גאנצן באנד וואס מען האט געלערנט. און דאס גיט א חשק אז מען זאל דאס ווייטער צוענדיגען. א מענטש דארף האבען א ציל ווי ער וויל צוקומען, און ווען ער ווייסט אז ער וויל ענדיגען א זאך, לאזט ער נישט אויס קיין שום סעיף וואס ער פארשטייט עס נישט, ווייל ער וויל עס קענען באמת.

**און** אזוי דארף זיין ביי שיעור עיון, און ביי שיעור פשוט. **מען לערנט יעדע יאר א מסכתא, דארף מען נעמען אויף זיך א עול איבערצוחזר'ן די מסכתא, און עס גוט קענען מתחלתו ועד סופו. איך מיין נישט אז מען דארף קענען יעדע זאך וואס מען האט אויסגערעדט וכדומה, נאר שקלא וטריא, שינון הש"ס. וואס איז די מחלוקת, וואס איז די גמרא'ס קשיא, עס איז דא דריי קשיות און דריי תירוצים, קענען די מסכתא. און דאס איז זייער וויכטיג יעצט, און עס נישט לאזן אויף שפעטער.** שפעטער איז שוין דא אן עול פון חזר'ן דאס גאנצע, און עס איז שוין שווערער. אבער יעצט אין אנהייב, ווילאנג מען האט נאר א חלק פון איין יאר לערנען, איז עס נאך גרינג, און מען קען עס גומר זיין.

**שבועות** איז דער זמן פון מתן תורה. די הערכסטע וואס א יוד האט, איז די תורה הק'. עס איז נישט דא הערכער'ס פון תורה. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט מען נישט געזאגט שירה אויף מתן תורה. מען האט געזאגט שירה ביי קריעת ים סוף, ווען דער גוף איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, קומט זיך נישט פאר די נשמה וואס האט באקומען א תורה, אז מען זאל זאגען דערויף שירה. און נישט נאר מען האט נישט געזאגט קיין שירה בשעת מתן תורה, נאר עס איז געווען כפה עליהם הר כגיגית (שבת פח.). אין א געוויסע וועג איז עס געווען בכפיה, מען האט געצווינגען מקבל צו זיין די תורה. די בני עליה האבען דאך זיכער פארשטאנען וואס תורה איז, יודען האבען דאך געזאגט נעשה ונשמע פון די ערשטע רגע, איז דאך טייטש אז זיי זענען געווען אזוי ווי מלאכים, און זיי האבען משיג געווען וואס תורה איז, אבער שירה האט מען נישט געזאגט.

**איך** מיין אז דער ביאור דערפון איז, מיר זאגען יעדן שבועות, אז עס איז זמן מתן 'תורתנו', דער אייבערשטער האט געגעבן זיין תורה, און נישט אונזער תורה. מען וואלט געדארפט זאגען אז עס איז זמן מתן תורה, און נישט זמן מתן תורתנו. נאר די גמרא (עבודה זרה יט.) זאגט, אז עס שטייט אין פסוק (תהלים א-א), כי אם בתורת ה' חפצו, ובתורתו יהגה יומם ולילה, מתחלה איז עס די תורה פונעם אייבערשטען, בתורת ה' חפצו, אבער נאכדעם ווערט עס 'תורתו', זיין תורה. וואס מיינט אז עס ווערט זיין תורה, ווי אזוי ווערט עס זיין תורה.

**די** פשט דערפון איז, ווען א יוד לערנט תורה ווערט ער א אנדערע סארט יוד. ער ווערט נתקדש, די תורה טוט אריינשיינען אין אים א הייליגקייט. די תורה גיט אים חכמה, און ער ווערט א קוואל פון תורה. כל העוסק בתורה לשמה, זוכה לדברים הרבה, ער ווערט כמעין המתגבר, און אלע מעלות וואס איז אויסגערעכנט אין די משנה (אבות ו-א) אויף דעם וואס לערנט תורה. **ווען מען לערנט תורה, איז עס נישט אז מען קען די תורה, נאר מען איז אן אנדערע סארט יוד. די תורה קלעבט זיך אן אין א יוד. ווען א יוד פירט זיך ערליך, דערקענט זיך עס אויף אים. אין בית המדרש דארף מען נישט פרעגן אויף א בחור צו ער לערנט, ווייל מען קען דערקענען צו ער איז א בן תורה, צו ער דרייט זיך אויף די גאס. מען דערקענט עס אויף די צורה. ווען מען קוקט אים אן, זעהט מען צו ער איז א בן תורה. די תורה טוט מקדש און מזכך זיין א יוד.**

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, נישט אז עס איז תורת ה', און מיר לערנען די תורה פונעם

רבונו של עולם, נאר ווען מען איז אדוק אין תורה, ווערט עס אונזער תורה. **א בחור דארף פארגעסן פון אלעם, און זיך ארייינלייגען אין תורה הק', און דעמאלטס וואקסט מען אויס.** עס איז זמן מתן 'תורתינו', דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז עס זאל זיין אונזער תורה. נישט אז מיר זאלן לערנען די תורה פנעם אייבערשטען, נאר די תורה זאל ווירקען אויף אונז, אז מיר זאלן ווערן אן אנדערע סארט יוד, פון וואס מיר זענען געווען פארדעם.

**בשעת** יודען האבען מקבל געווען די תורה, האט מען נישט געקענט זאגען שירה, ווייל מען זאגט נישט קיין שירה נאר אויף א זאך וואס איז פארטיג. ווען מען גיט פאר איינעם סחורה אז מען זאל אויפנייען א בגד, פרייט ער זיך נישט ווען ער האט נאר די סחורה צו מאכען די בגד, נאר ווען דער בגד וועט זיין פארטיג, דעמאלטס וועט ער זאגען א שהחיינו. ווען מען בויט א הויז פרייט מען זיך נישט, ווען מען האט נאר די ציגעל, מיט וואס צו בויען דעם הויז. נאר ווען דער הויז וועט זיין אויפגעבויט, דעמאלטס קען מען זיך פרייען. דאס זעלבע זאך איז די תורה הק', מען קען נישט זאגען שירה ווען מען האט נאר מקבל געווען די תורה, נאר ווען מען איז שוין דבוק אין די תורה, ווען מען האט זיך אויסגעארבעט, אז עס איז געווארן זיין תורה, 'ובתורתו' יהגה יומם ולילה, דעמאלטס קען מען זאגען שירה. און וועגן דעם האבען יודען נישט געזאגט שירה, בשעת מען האט מקבל געווען די תורה.

**די** גמרא (נדרים נה.) זאגט, אז די תורה איז געגעבן געווארן אין א מדבר. אם עושה אדם את עצמו כמדבר שהוא מופקר לכל, ווען א מענטש מאכט זיך הפקר ווי א מדבר, ער וויל פון גארנישט וויסען נאר פון תורה הק', אלע זאכען אויסער תורה אינטערעסירט אים נישט, דעמאלטס איז ניתנה לו תורה במתנה, וועט זיך האלטען זיין תורה. אבער אויב ער איז זיך נישט משים כמדבר, איז אין תורתו מתקיימת. - **עס איז נישט דא קיין שענערע צייט, ווי די צייט וואס א בחור איז אין ישיבה, ווי ער קען זיך באמת מפקיר זיין, ווייל עס איז נישט דא עפעס אנדערש וואס צוטון. ער דארף נישט ברענגען פרנסה, ער דארף נישט קאכען, ער דארף נישט רוימען זיין שטוב, אלעס טוט מען פאר אים. פון ווען ער שטייט אויף, ביז ער גייט זיך לייגען, קען ער אויסנוצען יעדע מינוט פאר תורה.**

**ווען** עס קומט שבועות, און מען איז מקבל די תורה, דארף מען זיך נעמען א פאר מינוט און אריינטראכטען, **איך וויל שטייגען, איך וויל אויסוואקסען, איך וויל נעמען אויף זיך עול תורה, צו לערנען פלייסיג. איך וויל האבען א ציל, וואס איך וויל אנקומען אלץ בחור. איך וויל קענען זעקס מסכתות, יעדע יאר לערנט מען א מסכתא. איך וויל קענען הלכות שבת. און אויב ער נעמט פאר א ציל אז ער וויל עס קענען, וועט דער אייבערשטער העלפען אז ער וועט מצליח זיין.** מען דארף עס נישט אנקוקען ווי א בארג, ווייל עס איז נישט קיין בארג. א בארג איז נאר ווען מען וויל כאפן די גאנצע בארג אויף איין מאל, אבער טאמער מען וויל אראפנעמען דערפון צוביסלעך, קען מען צונעמען א גאנצע בארג. עס נעמט צייט, אבער מען צונעמט עס. **מען הייבט אן צוביסלעך, מען חזר'ט קודם איבער וואס מען האט געלערנט דעם יאר, און נאכדעם צוריקגיין אויף פריער. עס קומט א לאנגע זומער, און מען האט אסאך פרייע צייט. דארף מען וויסען ביי זיך וואס מען וויל אנקומען. איך וויל קענען הלכות שבת, איך וויל קענען מסכת בבא קמא, און אזוי ווייטער צוריקגיין אויף פריער, וואס ער האט געלערנט פאר א יאר און פאר צוויי יאר, איבערחזר'ן און גומר זיין יענע מסכת.** און אז מען האט א ציל, מען שרייבט זיך פאר א בל"ו פרינ"ט, וואס ער וויל קענען, קען מען צוקומען צו אלעם.

**איך** האף אי"ה אז דער אייבערשטער וועט געבן, און מען וועט קענען אי"ה ווייטער פארברענגען צוזאמען, און ממשיך זיין אי"ה אין די עבודת הקודש. דער אייבערשטער זאל געבן אז עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, און מען זאל קענען אויפטון, להגדיל תורה ולהאדירה. **און קענען שטייגען באמת, נישט נאר זאגען אז מען שטייגט, נאר שפירען ביי זיך אז מען שטייגט טאקע אין תורה.** דער אייבערשטער זאל העלפען אז ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מען זאל האבען א פרייליכען יום טוב, און קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב.

***שבת קודש פרשת במדבר – ערב שבועות***

ביום שבת קודש עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל ביום השבת. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד ההילולא.

בסעודת יום שבת קודש חילק **רבינו שליט"א** הסעודה לשנים, והתפלל מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר תפלת מנחה נטל ידיו שנית לסעודה שלישית.

לפני כניסת החג דרש **רבינו שליט"א** בדברי הכנה לקבלת התורה, ובמעלת ישראל אשר זכו להתקרב אליו ית"ש, והקב"ה פורש עליהם סוכת שלומו לקבלם בתשובה תמיד, וביותר בזמן מתן תורתינו אשר מתעורר ההארה מזמן ההוא, לקבל את התורה מחדש כאילו היום ניתנה, ועבודת שנה הבאה תהא כתורה חדשה נגד השנה שעברה, בזיכוך האדם בשאיפותיו ואהבתו לה' ביתר שאת ועוז.

**רבינו שליט"א** המשיך בדברי נועם, לבאר דרשת חז"ל (תענית כו:) ביום חתונתו זו מתן תורה, אשר הדברים משולים לעת נישואין, אשר ביום זה הכלה עוזבת את בית אביה, ומשנית את ביתה ושמה הקדום, ונכנסת תחת רשות בעלה, להתנהג על פי דעתו והנהגתו כאשה כשרה העושה רצון בעלה. כמו כן אנחנו עם בני ישראל, כנסת ישראל כלה קרואה בנעימה, כאשר קבלנו תורתינו הקדושה עזבנו את דירתינו הקדום, עולם הזה והבליו, ונכנסנו לביתו של הקב"ה, לשנות את כל צורת החיים לעשות רצונו ולעבדו בלבב שלם.

ונחזי אנן אם האשה תאמר אחר חתונתה שאינה מוכנת לשנות ביתה לגמרי, ורוצית להחזיק לדור להלאה גם בבית אביה, וכן להחזיק שם משפחתה כבימים מקדם, כל בר דעת יבין וישכיל שזה דבר בלתי אפשרי, כי הנישואין מחייבים להפסיק כליל עם דירתה הקדום. כן הוא כשאנו נכנסים תחת צל ידו של הקב"ה, בעת שהביאני המלך חדריו, מחייבים נישואין אלו לשנות את כל מעשינו בדרכי התורה, ואין להמשיך לחיות פעם בחיי עולם הזה ופעם בחיי תורה, רק לקבל עול מלכותו ית"ש בשמחה ובטוב לבב, ולשהות במחיצתו של הקב"ה כל ימי חיינו, אנו וזרעינו וזרע זרעינו עד עולם.